# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## ויקרא

## יוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

### מען לייגט אין חֵרֶם ר"ל פאר פארשפעטיגן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע

**עס** ווערט געברענגט אין נָאמֶען פון האריה"ק אז וויבאלד אין קְרִיאַת שְׁמַע איז דָא רמ"ח ווערטער [צוויי הונדערט אכט און פערציג] דעריבער אויב מען האָט נישט געלייענט קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, ווערט פאר אִים אִיבֶּער-געדרייט די רמ"ח ווערטער פון קְרִיאַת שְׁמַע אויף די אוֹתִיוֹת חֵרֶ"ם רַחֲמָנָא לִצְלַן, ווי גלייך מען האָט היינט דעם מענטש געלייגט אין הִימֶל אין חֵרֶם אֲרַיין רַחֲמָנָא לִצְלַן, וואס דעריבער וועלן זיינע אַלֶע תְּפִלּוֹת און זיין תּוֹרָה לערנען פון יענעם טאג אינגאנצן נישט נִתְקַבֵּל ווערן אין הִימֶל, בלויז צוליב דעם וואס ער האָט נישט מַמְלִיךְ געווען און נישט מְקַבֵּל געווען דעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אין צַייט. **מקדש מלך, זוהר בלק דקפ"ו מובא בספר שומע תפלה ח"א**

### געפערליכן גערוך אויב מען לייענט נישט קְרִיאַת שְׁמַע אין צַייט

**רַבִּי** יִצְחָק און רַבִּי יְהוּדָה זענען געגאנגען אין וועג, און זיי זענען אנגעקומען צו גאסט אין הויז פון רַב הַמְנוּנָא סָבָא אין שְׁטָאט כְּפַר סִיכְנִין.

**רַב** הַמְנוּנָא סַבָּא האָט געהאט א אֵיין אייניציגן זוהן וואס איז דעמאלס געווען א קליין אינגעלע. ווען דאס קינד איז אהיים געקומען פון חֵדֶר און ער האָט געזען די צוויי תְּנָאִים אין הויז, האָט אִים זיין מאמע געבעטן אז ער זאל צוגיין צו די חֲכָמִים און בעטן פון זיי אז זיי זאלן אִים בענטשן.

**ווי** נאר דאס קינד איז נאנט געקומען צו די חֲכָמִים איז ער באלד צוריק געשפרונגען, און ער האָט געזאגט פאר זיין מאמע'ן, מאמע! איך קען נישט גֵיין נאנט צו די חֲכָמִים, ווייל זיי האבן היינט נישט געלייענט קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, און מִיר האבן געלערנט אז דער וואס לייענט נישט קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט איז ער יענעם טאג אין חֵרֶם.

**די** חֲכָמִים ווען זיי האבן געהערט וואס דאס קינד דערציילט זיין מאמע, האבן זיי אויף-געהויבן זייערע הענט און האבן געבענטשט דאס קינד, און זיי האבן זיך פארענטפערט ווי פאלגנד: עס איז אֱמֶת ווי דאס קינד דערציילט אז מִיר האבן היינט נישט געלייענט קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, אבער וויבאלד מִיר האבן זיך באשעפטיגט היינט בייטאג מִיט א מִצְוָה פון פארשאפן גֶעלְט פאר א חָתָן מִיט א כַּלָּה אז זיי זאלן קענען חֲתוּנָּה האבן, דעריבער זענען מִיר פָּטוּר געווען פון די מִצְוָה צו לייענען קְרִיאַת שְׁמַע, ווייל הָעוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִן הַמִּצְוָה - דער וואס איז באשעפטיגט אין אֵיין מִצְוָה, איז ער פָּטוּר פון אַן אַנְדֶערֶע מִצְוָה.

**דערנאך** האבן זיי געפרעגט דאס קליין קינד, פון וואו ער האָט געוואוסט אז זיי האבן נישט געלייענט קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע היינט, האָט דאס קליין אינגאלע זיי געענטפערט: איך האב דאס געוואוסט פון דעם געפערליכן שלעכטן גרוך וואס איז ארויס פון אייערע מַלְבּוּשִׁים, ווען איך בין נאָנט געקומען צו אייך.

**מאור ושמש פ' חיי ד"ה ויהי בשם זוהר פ' בלק ד' קפ"ו.**

**מען** קען זיך אפלערנען א גרויסע מוּסַר פון די מַעֲשֶׂה. דאס איז שוין געווען בַּיי צוויי הייליגע גְרוֹיסֶע תְּנָאִים וואס האבן עוֹסֵק געווען אין א מִצְוָה, זענען זיי בֶּאֱמֶת פָּטוּר געווען פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, דעסטוועגן האָט דאס נישט געהאלפן פאר זֵיי, און עס האָט זיך געשפירט א שלעכטע גערוך פון זייערע מַלְבּוּשִׁים יענעם גַאנְצְן טאג. דעריבער דארף מען שטארק אכטונג געבן יעדן טאג באזונדער אז מען זאל חָלִילָה נישט פארשפעטיגן דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בִּפְרָט אום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ווען הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הייליגט אִידִישֶׁע קינדער, אז מען זאל חָלִילָה נישט ווערן אין הִימֶל אריינגעלייגט אין חֵרֶם, כְּדֵי

# יום שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

די נְשָׁמָה יְתֵירָה זאל זיך נישט אפטוהן פון אִים, צוליב דעם וואס ער האָט נישט געלייענט קר"ש און נישט מַמְלִיךְ געווען הקב"ה אין צַיְיט.

## פאר נישט לייענען קְרִיאַת שְׁמַע פארגעסט מען דאס לערנען

**דער** מַהַרְשָׁ"א זאגט אז וויבאלד די גְּמָרָא זאגט [ברכות] אז קְרִיאַת שְׁמַע איז קַבָּלַת עוֹל תּוֹרָה און מִצְוֹת, דעריבער אויב לייענט מען נישט קְרִיאַת שְׁמַע, איז דאס גּוֹרֵם אז מען זאל פארגעסן די תּוֹרָה וואס מען האָט געלערנט.

**מהרש"א סוטה מ"ח. ח"א ד"ה כל השותה**

## דעם שטראף פאר נישט לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט

**דער** מענטש וואס האלט זיך צוריק פון עֵדוּת זאגן בְּשְׁעַת ווען בֵּית דִּין הערט אויס די טַעֲנוֹת איז ער אויך עוֹבֵר אויף די מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה פון לֹא תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר וואו מען איז פָּטוּר מִדִּינֵי אָדָם, בֵּית דִּין קען אִים נישט שטראפן, אבער בְּדִינֵי שָׁמַיִם איז מען יא חַיָּיב.

**דאס** זעלבע איז אויך שייך בַּיי די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע, וואס די מִצְוָה איז אז מען זאל עֵדוּת זאגן אז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ איז נאר איינער. אויב דער מענטש לייענט נישט קְרִיאַת שְׁמַע אינדערפרי אין די צייט וואס די תּוֹרָה האָט מְחַיֵּיב געווען צו לייענען קְרִיאַת שְׁמַע, כאטש ער לייענט שפעטער קְרִיאַת שְׁמַע ווערט דאס שוין גערעכנט ווי ער האָט זיך צוריק געהאלטן פון עֵדוּת זאגן בְּשְׁעַת די תּוֹרָה האָט אִים מְחַיֵּיב געווען, דעריבער איז ער חַיָּיב א שטראף מִדִּינֵי שָׁמַיִם.

**דרך פקודיך מל"ת ל"ז אות ז'**

## וִידּוּי אויף סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע

**דער** עָרְשְׁטֶער עַל חֵטְא וואס מען זאגט יוֹם כִּיפּוּר בַּיי די ווִידּוּי איז עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּאוֹנֶס וּבְרָצוֹן - מִיר האבן חַרָטָה אויף די עֲבֵירָה וואס מִיר האבן געזינדיגט פאר דִּיר געצוואונגן און ווילנדיג. פרעגן די מְפָרְשִׁים פארוואס דערמאנט מען בְּאוֹנֶס מִיר ווייסן דאך אז אויף אַן אוֹנֶס דארף מען לִכְאוֹרָה נישט תְּשׁוּבָה טוהן, ווייל אוֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרָה.

**ענטפערן** זיי אז עס איז אבער דָא פעלער ווען מען דארף אויף אַן אוֹנֶס אויך תְּשׁוּבָה טוהן, לְמָשָׁל: אויב מען וואלט געקענט וויסן פון פריער אז שפעטער וועט דערפון ווערן אַן אוֹנֶס דארף ער דערויף תְּשׁוּבָה טוהן, אֲפִילוּ עס איז בֶּאֱמֶת שפעטער געווארן אַן אוֹנֶס, ווייל די הֲלָכָה איז אויב תְּחִלָּתוֹ בִּפְשִׁיעָה וְסוֹפוֹ בְּאוֹנֶס חַיָּיב דעריבער אויב איז מען פארשלאפן דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית, נאר צוליב דעם ווייל מען האָט זיך געלייגט בּיינאכט שפעט שֶׁלָּאפֶן מוּז מען תְּשׁוּבָה טוהן דערויף.

**דעריבער** איז גליייך אז ווען מען זאגט יוֹם כִּיפּוּר דעם ערשטן עַל חֵטְא זאל מען אינזין האבן וויפיל טעג פון יאָר מען האָט חָלִילָה פארשפעטיגט דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע כְּדֵי צוּ זאגן די ווִידּוּי דערויף און בעטן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זאל אִים מוֹחֵל זיין.

## אויב מען איז עוֹבֵר אויף בַּל תּוֹסִיף נאכן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע

**דער** חָפֵץ חַיִּים זַצ"ל האָט אמאהל געזאגט פאר זיינע תַּלְמִידִים אז וויבאלד צוּ לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט איז אויך א חִיּוּב מִן הַתּוֹרָה, [עי' מג"א או"ח סי' נ"ח סק"ז בשם ספר החינוך מצוה ת"כ, ובמנחת חינוך שם דעת הפוסקים, ובספר חדשים גם ישנים ברכות ט: ד"ה עד הנץ החמה] דעריבער אויב לייענט מען קְרִיאַת שְׁמַע אינדערפרי נאכן סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע און מען האָט אינזין אז מען וויל דערמִיט יוֹצֵא זיין די מִצְוֹת עֲשֵׂה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע זאל מען וויסן אז מען איז דערמִיט עוֹבֵר אויף דעם לָאו פון בַּל תּוֹסִיף.

**עי' שו"ת תשובות והנהגות ח"א סי' נ"ז**

**מען** קען אֶפְשָׁר זאגן אז לויט די שִׁיטָה פון כֶּסֶף מִשְׁנָה [ריש הל' קרי"ש] אז מִן הַתּוֹרָה איז דער זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע א גַאנְצְען טאג איז מען נישט עוֹבֵר אויף בַּל תּוֹסִיף.

**און** דאס זעלבע קען מען זאגן אז מען איז נישט עוֹבֵר אויף דעם לָאו פון בַּל תּוֹסִיף אויב מען לייענט די קְרִיאַת שְׁמַע פון בּיינאכט פאר צֵאת הַכּוֹכָבִים ווען עס איז נאכנישט נאכט, ווייל לויט די שִׁיטָה פון הָרַמְבַּ"ם זענעןביידע קְרִיאַת שְׁמַע'ס פון בּיינאכט און פון צופרי נאר אֵיין מִצְוָה, דעריבער קען זיין אז מען איז נישט עוֹבֵר אויף דעם לָאו פון בַּל תּוֹסִיף, ווייל אויב מען איז מְקַיֵּים די זעלבע מִצְוָה צוויי מאהל אין אֵיין טאג איז מען נישט עוֹבֵר אויף דעם לָאו פון בַּל תּוֹסִיף, [עי' תוס' ראש השנה כח:].

**אויך** קען מען קלערן אויב מען קען עוֹבֵר זיין אויף דעם לָאו פון בַּל תּוֹסִיף אויב מען איז מַקְדִּים די מִצְוָה פאר די צייט, ווי לְמָשָׁל לויט דעם מַאן דְּאָמַר וואס האלט אז תּוֹסְפוֹת שַׁבָּת איז מען נישט מְחוּיָּב מִן הַתּוֹרָה צוּ מען איז לויט אִים עוֹבֵר אויף בַּל תּוֹסִיף אויב מען איז מַקְדִּים צוּ מְקַבֵּל שַׁבָּת זיין פאר די צייט, דעריבער קען זיין אז מִיט לייענען קְרִיאַת שְׁמַע פאר צֵאת הַכּוֹכָבִים איז מען נישט עוֹבֵר, ווייל עס איז נָאךְ פאר די צייט, [עי' כלי חמדה פ' ואתחנן דף ח"י].

**חדשים גם ישנים ברכות דף ב. אות ז'**